ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א


בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך


גליון
◇ ר"א ◇
וירא תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'


---

תתתתשט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אברהם יצחק דייטש ע"ה

### וואס טוט דער טאטע, מיינע מוסדות?!

בכל נימי לבבו ונפשו איז ער געווען איבערגעגעבן פאר די מוסדות פון **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע אין בני ברק, און ער האט דערפאר עוסק געווען בגוף ובנפש צו שאפן דאס געלט פאר די מלמדים. אזוי אויך איז ער געווען פארמישט אין די רוחניות'דיגע ענייני המוסדות, ער פלעגט פארהערן די בחורים, און בשעת מעשה רעדן צו זיי דברי מוסר והדרכה וואס האט אויף זיי געמאכט א שטארקן רושם.

ער האט לאנגע יארן געטון זיין עבודה"ק שלא ע"מ לקבל פרס, ווען מען האט אים שטארק מפציר געווען אז ער זאל נעמען א געהאלט פאר זיין ארבעט, האט ער אוועק געלייגט דאס געלט, און ווען ער האט שוין געהאט א סכום נכבד האט ער דאס מנדב געווען פאר די מוסדות, און דערמיט געקויפט א זכות פון א חדר אין די סאטמארע תלמוד תורה אין זכרון מאיר.

דער רבי זי"ע האט אים שטארק מעריך געווען פאר זיין הייליגע ארבעט, איינמאל בערוב ימיו ווען זיין זון הרה"ח ר' אלי' הי"ו איז אריין בקודש פנימה אין בעל-הארבער, האט זיך דער רבי אנגערופן מיט גרויס חביבות **"וואס מאכן מיינע מוסדות? וואס טוט דער טאטע?!"**. דאס איז ביי אים געווען כתרי ריעין דלא מתפרשין. (אברהם יצחק ליכטענשטיין, שמעון ישראל ליכטענשטיין, אברהם יצחק דייטש)

---

תתתתשי) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אברהם יצחק סאנדעל הי"ו

### מ'העלפט זיך אליינס...

איינמאל ווען דער **רבי בעל דברי יואל** זי"ע איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו מנחה מעריב, האט איינער פון די משמשים בקודש געוויזן פארן רבי'ן אויף מיר, וועלנדיג אז דער רבי זאל זיך באדאנקען פאר מיר, ווייל איך האב דעמאלטס עוסק געווען ארויסצוהעלפן די בית רחל.

רופט זיך דער רבי אן **"ער האט נישט געהאלפן פארן בית רחל, ער האט זיך אליינס געהאלפן!"**.

דער רבי האט ווייטער געזאגט "איך האב אויך געהאלפן די בית רחל, ווער באדאנקט מיך?!... **נאר וויסן זאלסטו, ווער עס העלפט די מוסדות העלפט נאר זיך אליין"...** (משה שמואל בראך, בנימין סאנדעל, שלום אלעזר סאנדעל, שמואל מנחם שווארץ)

---

תתתתשיא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ הי"ו

### מחיה געווען דעם רבי'ן

איך האב חתונה געהאט חודש אדר תשכ"ז לפ"ק, יענעם יאר נאך סוכות האט **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע אריינגערופן אלע כולל אינגעלייט און געבעטן אז זיי זאלן זיך אונטערנעמען אריינצוברענגען $100 פאר די מוסדות, כאטש וואס ביז דעמאלטס האט דער רבי קיינמאל נישט געבעטן קיין געלט פון די כולל אינגעלייט איז דא געווען א אויסנאם צוליב דעם ביטער שווערן מצב אין וואס די מוסדות האבן זיך געפונען.

אויף מארגן בין איך אריין אל הקודש פנימה און איבער געגעבן די הונדערט דאללער... דער רבי איז געווען זייער איבערראשט אז איך האב שוין געברענגט דאס געלט, און ער פרעגט מיך פון וואו איך האב אזוי שנעל פארשאפט דאס געלט, האב איך געזאגט אז איך האב דאס געבארגט, און איך דארף באצאלן $10 א חודש.

דער רבי האט ממש אויפגעלויכטן און מען האט געזעהן אויף זיין הייליגע צורה א שטארקן קורת רוח דערפון. (מרדכי בר"י שווארץ)

---

תתתתשיב) עס האט דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' אברהם לייב בראך הי"ו

### שכר לימוד און דינער געלט

פון ווען דער רבי מרן **הדברי יואל** זי"ע האט איינגעפירט אז מ'זאל צאלן שכר לימוד, האט ער אויסדרוקליך געוואלט אז יעדער זאל צאלן דעם שכר לימוד פאר די תלמוד תורה, נישט אנדערש ווי אלע אנדערע הוצאות וואס מ'האט אין שטוב.

ווען איך בין געווען א אינגערמאן נאך די חתונה האב איך געוואוינט אויף ראדני סט. און איך האב געצאלט 80 דאלער רענט א חודש, ווען די משפחה האט זיך פארגרעסערט האב איך געמופט אויף הופפער סט. דארט איז די רענט שוין געווען בערך 200 דאלער א חודש.

נעבן מיר האט געוואוינט א טאכטער פון הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל דער מנהל המוסדות, און ר' ליפא פלעגט אסאך אריבער קומען צו איר, און ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט אים עטליכע מאל. (איך האב מיר געקענט מיט אים נאך פון פריער, ווען אלס בחור בין איך געווען דער חזר בחור פון בנו מו"ה אברהם הי"ו אין די ישיבה).

וואוינענדיג דארט בערך א האלב יאר, איז מיר איין טאג אנגעקומען א ביל פון שכר לימוד, איך האב שוין געהאט דעמאלטס בערך פיר קינדער אין די מוסדות, און ס'איז מיר געווען אביסל שווער עס צו באצאלן.

איז איין טאג ווען איך האב באגעגנט ר' ליפא בין איך צוגעגאנגען צו אים און איך האב אים געזאגט אז איך האב באקומען א ביל פון שכר לימוד און ס'איז מיר שווער צו באצאלן, ווייל איך האב יעצט געמופט, און די רענט איז מיר ארויף מער ווי דאפלט, אפשר קען מען רעדן פון א הנחה.

האט מיר ר' ליפא געזאגט "שיק אריין דעם ביל אין אפיס, און שרייב אויף דיין בקשה אויף די אנדערע זייט, און מען וועט זען וואס מען קען טון".

איך האב עס אריינגעשיקט, עטליכע טעג שפעטער האב איך באקומען אויף די פאסט א קליין צעטעלע, ווי מען האט מיר צוריקגעשריבן, אז מען האט דן געווען ביי די הנהלה, און מען איז געקומען צו די החלטה אז מען קען נישט געבן א הנחה, וויבאלד די לעצטע פאר יאר ביים דינער האב איך זיך נישט משתתף געווען.

איך האב פארשטאנען אז די הנהלה טוט רצון קדשו פון רביה"ק זי"ע אז יעדער זאל האבן א טייל בהחזקת המוסדות, און אויב מ'דארף א הנחה ביי שכ"ל, זאל מען כאטש זיך משתתף זיין געהעריג ביים דינער. (ישי גאלדבערגער)

---

תתתתשיג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' זלמן ליכטמאן הי"ו

### איך מוז דאס טון פאר די "מוסדות"

געווען איז דאס אינעם יאר נאך די פטירה פון **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע, פאר די הכתרה פונעם רבי'ן **מרן רבינו בעל ברך משה** זי"ע, איז דער זיידע הי"ו (הרה"ח ר' שלמה זלמן חיים בן פרידא רעכל לרפו"ש) אריין צום רבי'ן ז"ל און ער האט געזעהן אז דער רבי איז שטארק צוטראגן.

זייענדיג פון די גאר נאנטע מקורבים שוין לאנגע יארן האט ער זיך געטרויעט און געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער איז אזוי צוטראגן. האט אים דער רבי דערציילט אז ער האט עפעס געבעטן פון די הנהלת הקהלה, און זיי איילן זיך נישט צו אויסצופירן זיין בקשה.

רופט ער זיך אן צום רבי'ן "פארוואס פעלט אויס פארן רבי'ן די גאנצע מעשה, איז דען נישט בעסער געווען צו בלייבן אין סיגעט, דער ציבור וואס וויל פאלגן דעם רבי'ן וועט סייווי אריבער קומען צום רבי'ן, און ווער עס וויל נישט פאלגן זאל נישט קומען, אזוי וועט דער רבי זיך נישט דארפן מוטשענען מיט אזויפיל עגמת נפש, משא"כ אין סאטמאר ווארט דעם רבי'ן אפ אסאך עגמת נפש".

האט דער רבי געענטפערט ״ווען איך טראכט ווען פון מיין טובה וואלט איך זיכער אזוי געטון, **אבער וואס וועט זיין מיטן פעטערס מוסדות?!** איך מוז ממשיך זיין די הייליגע מוסדות וואס דער פעטער האט אויפגעשטעלט...״ (שמעון יואל ליכטמאן, אהרן יושע ליכטמאן, לייב ליכטמאן)

**תתתתשיד) עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה״ח ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא הלוי מאנן שליט״א

### באצאלט דעם שכר לימוד...

ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז דער זיידע שליט״א געווען אין איין לאגער מיט מיין עלטער-זיידע להבחל״ח הרה״ח ר׳ וואלף לאנדא ז״ל פון דעברעצין (דער פאטער פון מיין עלטער זיידע הרה״ח ר׳ אשר לעמיל ז״ל).

דארט אין לאגער האט מען צוזאמען גענומען אלע קינדער, און מיין עלטער פעטער הרה״ח רבי אלימלך (הגדול) ז״ל איז געווען דער מלמד פאר די קינדער. און דער ׳שכר לימוד׳ איז געווען א רעפטל ברויט, וואס יעדער טאטע האט געצאלט פארן מלמד, וואס אין דעם שווערן מצב דארט אין לאגער איז א שטיקל ברויט געווען א גאנצע מציאה.

אין איינע פון די זמנים האט זיך געמאכט אז דער זיידע שליט״א האט נישט געהאט א שטיקל ברויט צו קענען באצאלן דעם שכר מלמדות, און נאכדעם האט זיך שוין די מלחמה געענדיגט און דער ׳חוב׳ איז נישט באצאלט געווארן.

ווען מיין טאטע הרה״ג ר׳ מרדכי אהרן שליט״א ר״מ בישיבה״ק איז א חתן געווארן איז שוין געווען איבער 45 יאר שפעטער, בשעת׳ן תנאים האט זיך אויפגעשטעלט דער זיידע שליט״א און צוגעגאנגען צום פעטער רבי אלימלך ז״ל מיט א שטיקל חלה אין די האנט, און געזאגט ״נא, דא האסטו דעם שכר מלומדות וואס מיר זענען אייך שולדיג געבליבן פון לאגער״.

איבריג צו זאגן ווי דאס האט געהויבן די געפילן ביי די שמחה, דערמאנענדיג זיך יענע שווערע צייטן ווען מ׳האט געהונגערט נאך א שטיקל ברויט, און יעצט איז מען זוכה צו אזעלכע שיינע דורות און מ׳פראוועט שוין בשותפות׳דיגע שמחות. (אליעזר זאבעל)

**תתתתשטו) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שלמה זלמן חיים עפשטיין הי״ו

### אוי, מיין רבי׳נס אשר יצר...

איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ נפתלי הירצקא יאקאבאוויטש ע״ה, (ער איז געווען א פייערדיגער חסיד׳ישער איד, הרה״ק רבי הערשעלע מספינקא זצ״ל האט מיר געזאגט ״מ׳דארף קוקן אויף אזא איד ביים דאווענען). אז ווען ער איז געווען א אינגל אין קליינווארדיין, האט ער געלערנט ביי א מלמד, און ווען עס איז געקומען שבת און זיין טאטע הרה״ח ר׳ מענדל מאיר ע״ה האט אים פארהערט די גמרא האט ער נישט געקענט. אזוי איז געווען וואך איין וואך אויס.

איין שבת האט אים דער טאטע גענומען ביי די האנט און צוגעפירט צו איינעם פונעם ״וועד החינוך״ וואס זענען געווען די הנהלה פון די תלמוד תורה, און געזאגט פאר יענעם אז דאס אינגל קען נישט גארנישט וואס דער מלמד לערנט פאר.

האט יענער מנהל זיך אנגערופן ״צי הירצקא׳לע וועט קענען די בלאט גמרא צי ער וועט נישט קענען ווייס איך נישט, אבער איין זאך ווייס איך יא, אז ווען הירצקא׳לע וועט זיין אן אלטער איד, און ער וועט זיך דערמאנען ווי אזוי זיין רבי האט געזאגט ״אשר יצר״ וועט אויף אים פאלן אן אימה ופחד״...

ווען רבי הירצקא האט מיר דערציילט די מעשה איז ער געווען מלובש מיט טלית ותפילין, און ער האט דאס דערציילט מיט אזא התרגשות און ברען, און ער האט געגעבן אזא מורא׳דיגן קרעכץ מיטביידע הענט אין די הייך ״יא יא, ווען איך דערמאן זיך היינט מיין רבי׳נס אשר יצר פאלט אויף מיר אן אימה ופחד״... (משה ווערצבערגער, יודא ווערצבערגער)

**תתתתשטז) עס דערציילט מיין באבע תחי׳ אשת**

## הרה״ח ר׳ נפתלי הירצקא הכהן קאהן הי״ו

### איך דארף דיך אלס סאלדאט!

מיין טאטע הרה״ח ר׳ שלמה מנשה פאלקאוויטש ע״ה איז אמאל אריין צו רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע און געפרעגט היות מ׳טראגט אים אן א ארבעט ביי א מושב זקנים, מיט א גוטן געהאלט, צי ער זאל דאס אננעמען?

האט אים דער רבי געענטפערט ״איך דארף דיך אלס סאלדאט אין מיינע מוסדות״.

דער טאטע ז״ל האט אנגענומען א מלמדות פאסטן אינעם רבי׳נס מוסדות, וואס ער האט אנגעהאלטן עד זקנה ושיבה אין קרוינהייטס, בארא פארק, און קרית יואל.

מיט די יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מושב זקנים איז געווען פארפלאנטערט מיט די רעגירונג, און מערערע איינגעשטעלטע זענען ארעסטירט געווארן, דעמאלטס האט ער געזעהן אז מיט דעם וואס דער רבי האט אים גענומען אלס סאלדאט אין זיינע מוסדות האט ער אים געראטעוועט פון פראבלעמען. (משה זאב פריעדמאן)

**תתתתשיז) עס האט דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ חיים הכהן ראטה ע״ה

### בראַ מזכה אבא

איך האב געהאט די זכי׳ צוצושטעלן אסאך יארן די מלבושים פאר **רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע** פון מיין פירמע ׳ראטה קלאדינג׳.

עס איז געווען אין די כ׳ יארן ווען איך בין אריבער צום רבי׳ן מיט א נייע בעקיטשע וואס איך האב אויפגענייעט פארן רבי׳ן, דער רבי האט דאס אנגעטון, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז צו שמאל, און מ׳דארף מאכן א נייע בעקיטשע.

זאגט מיר דער רבי ״נעם די בעקיטשע פאר דיר אליין״. האב איך געזאגט פארן רבי׳ן אז איך גיי נישט שבת מיט קיין בעקיטשע (אין יענע יארן בין איך נאכנישט געגאנגען מיט קיין שטריימל און בעקיטשע, אזוי ווי אסאך היימישע אידן וואס האבן הערשט במשך די יארן צוריק אנגעטון אלע מלבושי חסידות אזוי ווי פאר די קריג).

זאגט דער רבי ״דעמאלטס האלט עס פאר דיין זון״, זאג איך פארן רבי׳ן ״איך האב נישט קיין זון״. איך האב דעמאלטס געהאט נאר פינף טעכטער. זאגט מיר דער רבי ״דו קענסט נאך האבן א זון״, ב״ה צום יאר איז מיר געבוירן געווארן מיין יונגסטער זון למז״ט. (אבער די בעקיטשע האב איך נישט אוועק געלייגט פאר אים...) (שמעון מערץ, יעקב אפפעל, ישראל זאב מערץ)

**תתתתשיח) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק

### ׳לעבן מיט תשובה׳ איז אויך זייער חשוב

א איד האט אמאל נאכגעזאגט פאר כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ״ל א ווארט פונעם אלטן **באבוב׳ער רב בעל קדושת ציון** הי״ד בנוגע דעם וואס מ׳זאגט נאך א מימרא פון צדיקים אז ״דער וואס די זכי׳ צו זיין אויפן ציון הק׳ פונעם הייליגן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע איז בטוח אז ער וועט נישט שטארבן אן תשובה״. האט דער באבוב׳ער רב געזאגט אז הגם ער ווייסט נישט קיין פונקטליכן מקור אויף דעם, אבער אז צדיקים האבן אזוי געזאגט איז עס אוודאי אזוי. נאר מ׳קען מוסיף זיין דערויף אז ״דער וואס האט די זכי׳ צו לערנען מיט א קביעות דעם ׳צעטל קטן׳ און ׳הנהגת האדם׳ פונעם הייליגן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע, ער איז בטוח אז ער וועט נישט לעבן אן תשובה״...

דער רבי האט שטארק הנאה געהאט פון דעם ווארט, און ער האט געזאגט פאר דעם איד ״איך האב אים געקענט, ער איז געווען פאר מיר א פעטער (ער איז געווען אן אידעם ביים זיידן הרה״ק רבי שלום אליעזר מראצפערט ז״ל הי״ד) און אויסער זיין גדלות, איז ער אויך געווען א שטארקער חכם״... (שמעון הכהן פריעדמאן, יעקב הכהן גלאנץ)

**תתתתשיט) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה״ח ר׳ מאיר ווייזער ע״ה

### די משניות איז אים צוניץ געקומען

ער איז געווען א תלמיד פון **הגה״ק רבי ישעי׳ זילבערשטיין זצ״ל בעל מעשי למלך** פון ווייטצען. נאך די מלחמה פלעגט ער יעדן טאג לערנען ח״י פרקים משניות לע״נ זיין גרויסן רבי׳ן.

איינמאל האט ער געטראכט צו זיך, מיין הייליגער רבי, וואס ער איז געווען אזוי גרויס, און ער האט נאך זוכה געווען צו גיין אויף קידוש השם, ער דארף דען מיין משניות?! און ער האט נאכגעלאזט פון דעם לימוד.

יענע נאכט האט ער געזעהן זיין רבי׳ן אין חלום אנגעטון מיטן קיטל און טלית, און ער שמייכלט צו אים, ווי איינער זאגט ״דיין משניות קומט מיר גוט צוניץ״. האט ער פארשטאנען ווייטער ממשיך זיין דעם גוטן מנהג, און ער האט ווייטער געלערנט משניות. (זיין יארצייט איז ט״ו חשון, שב״ק פר׳ וירא) (אהרן בערגער)